בעזרת יתברך שמו

<u>ווי אזוי מאכט מען א המשכה מקוה (ווען מען קען נישט גיין אין א געהעריגע מקוה)</u>

(נאר כשר פאר הכנה לתפלה אבער נישט פאר כלים)



מען נעמט העלצער וואס זענען 12 אינטשעס ברייט, 2 דערפון זאלן זיין לאנג די מאס פון די לענג פון א וואנע, און 2 דערפון זאלן זיין לאנג די מאס פון די ברייט פון א וואנע,



(דא רעדט מען דוקא פון אזא וואנע וואס מען קען נאר נוצן ווען עס איז אריין געבויט אין א הויז, און עס איז לכתחלה נאר אויף דעם געמאכט געווארן) און מען שנייט אריין אין איינס פון די קלענערע,



עס זאל זיין פלאץ פאר די קראן פון די וואנע, דערנאך לייגט מען דאס ארום און ארום



(כדי אז די וואנע זאל ווערן גענוג גרויס אז עס זאל קענען אריין גיין אין דעם פערציג סאה - בערך 80 גאלאן - צוזאמען מיט א מענטש), און מען קלעבט דאס צוזאמען אין א פיר עקעדיגע פארעם, מיט קלעב (גלא)



וואס איז זייער שטארק, און עס לאזט אויך נישט אדורך קיין וואסער, און מען קלעבט דאס ארויף אויף די וואנע, און מען באשמירט די האלץ מיט סיליקאן,




וואס דאס מאכט אז די האלץ זאל נישט אריין זאפן אין זיך קיין וואסער,

און וויבאלד די וואנע איז אזא מין וואנע וואס עס איז בכלל נישט מעגליך דאס צו נוצן ווען עס איז נישט אריין געבויעט אין הויז, ממילא איז עס בכלל נישט קיין כלי, נאר עס איז א חלק פון די ערד, ממילא קען מען זיך אין דעם טובל'ן, און אויך קומט דאך די וואנע מיט א לאך, וואס מען פארמאכט דאס נאר נאך דעם וואס מען באהעפט דאס צו דער ערד, און עס איז בכלל נישט מעגליך דאס צו פארמאכן פריער, ווייל מען באהעפט דאס דאך צום דרעין סיסטעם פון דער הויז, ממילא איז דאס בכלל נישט קיין כלי, ווייל בעפאר מען האט דאס באהאפטן צום הויז, איז נישט געווען מעגליך דאס צו נוצן, אויך האט מען דאך ארויף געבויעט אויף דעם, ווייל די דאזיגע וואנעס ציען זיך ארויף הויעך ביי די וואנט, העכער פון די וואנע, כדי אפצוהאלטן דאס וואסער פון איבער רינען, און מען דעקט דאס איבער מיט טיילס, און אויך יעצט בויעט מען דאך אויף דעם, ממילא איז דא דריי סיבות פארוואס די דאזיגע סארט וואנעס זענען נישט קיין כלים.

נאך דעם נעמט מען אפאר ציגל מיט סעמענט,




און מען בויעט ארויף ביים דרויסענדיגע זייט ביים ווינקל פון די וואנע, ביז העכער פון די וואנט פון די וואנע, און דארט בויעט מען ארויף א גרויסע (א לייכטערע סארט וואס לאזט זיך גרינג צוברעכן) ציגל וואס עס קען אריין זאפן אין זיך וואסער, און עס איז לאנג דריי טפחים,



און מען בויערט (דרילט) עס אדורך א לאך וואס עס איז לאנג דריי טפחים,



אדער זעגט מען אריין אין דעם א קריץ וואס עס איז לאנג דריי טפחים, און מען באהעפט עס (אביסל שיף אראף) אויף אזא פלאץ אז ווען וואסער וועט רינען אין דעם (אדער אויף דעם) וועט עס אריין רינען אין די וואנע



און וויבאלד די וואסער רינט אין (אדער אויף) די סעמענט וואס קען איינזאפן וואסער, און איז באהאפטן צו דער ערד, ווערט עס גערעכענט ווי די וואסער איז באהאפטן און בטל צו די ערד, און דאס איז "המשכה", און ווען עס רינט אויף דעם אופן אריין אין אזא סארט ארויף געבויעטע ווענע - ווען עס איז אין גאנצן ליידיג פון אנדערע וואסער - גאנצע פערציג סאה, וואס דאס קומט אויס אינמיטן פון די ווענע 17 אינטשעס הויעס



קען מען זיך אין דעם טובלען, ווען מען איז נישט מחיוב טבילה מן התורה, למשל אויף הכנה לתפלה.

אויך מוז מען גוט צו שטאפן די וואנע



אז עס זאל נישט ארויס רינען פון דעם קיין שום וואסער בשעת מען טובל'ט זיך אין דעם ווייל בשעת וואסער רינט קען מען זיך אין דעם נישט טובלין (אויך זאל נישט אריין רינען קיין וואסער ווען מען טובל'ט זיך)

און דער שטאפער וואס פארשטאפט די וואנע, טאר נישט זיין געמאכט פון א מטריאל וואס איז מקבל טומאה, ווי למשל מעטאל, ממילא זאל מען זיך נישט פארלאזן אויף די שטאפער וואס רוקט זיך אינוועדיג אין די פייפ, נאר מען זאל דאס נישט נוצן, און אנשטאט דעם זאל מען נוצן א פשוטע ראבערנע שטאפער.

און ביי דער פלאץ ווי דער וואנע האט א ספעציעלע לאך אין דער וואנט, כדי אז די וואסער זאל נישט איבער רינען,



זאל מען דארט עפענען די שרויפן (און ארויס נעמען -אויב עס איז דא- די אייזערנע שטאפער וואס העגט דארט אויף א קייט), און מען זאל צוריק לייגן די שרויפן צוזאמען מיט רינגעלעך (אבער אן דער דעקל)



כדי מחבר צו זיין די דרעין פייפ צו די וואנע, דערנאך זאל מען דארט אריין שטעקן א פייפ



און דאס צוקלעבן מיט סיליקאן,



און דערנאך עס פארשטאפן מיט א ראבערנע שטאפר.

א פראקטישע וועג אנצופילען די וואנע איז, אז מען איז מחבר א שלויך צו א סינק, (זע ערשטע בילד) און דער אנדערע עק לייגט מען צו צו דער שטיק סעמענט וואס מען נוצט פאר די המשכה, (עס מוז איבער בלייבן דריי טפחים וואס די וואסער גייט אין דעם ציגל נאך וואס עס קומט ארויך פון דעם שלויך) ממילא ווען דאס וואסער קומט ארויס פון די אנדערע זייט דערפון און עס פאלט אריין אין די וואנע, איז עס כשר פאר טבילה אויף הכנה לתפלה.

און כאטש בעצם שטייט דאך און שולחן ערוך אז פאר הכנה לתפלה דארף מען בכלל נישט קיין המשכה, נאר אפילו שאובים איז כשר פאר הכנה לתפלה, אבער כדי עס זאל זיין גוט פאר תוספת טהרה, איז בעסער אז עס זאל יא זיין המשכה.

בעצם איז א המשכה מקוה פאר הכנה לתפלה בכלל נישט קיין חידוש כידוע, איז אבער די מעלה פון די דאזיגע המשכה מקוה להכנה לתפלה איז, אז מען קען זייער גרינג צו קומען דערצו

מען דארף נישט מיחד זיין קיין צימער פאר דעם

עס קאסט בערך $300 די מטריאל וואס מען נוצט דאס צו מאכן

מען דארף נישט מאכן קיין שום נייע פלאמינג פאר דעם

די וואנע און שאווער קען ווייטער גענוצט ווערן פונקט ווי בעפאר (נאר מיט קליינע קעסטעלעך אריין און ארויס צו גיין)

דער וועג דאס צו נוצן איז אז מען פילט עס אן און מען ליידיגט עס אויס יעדע מאל וואס מען נוצט עס כדי עס זאל נישט זיין קיין סכנה, (חוץ פרייטאג צו נאכטס ווען מען לאזט עס מיט עפעס וואס האלט דאס וואסער ווארעם [עס ווערט אויך גענוצט צו קאכן וואסער אין א גלאז] און עס לעשט זיך אויך דורך א שבת זייגער, און נאכן נוצן זאל מען דאס תיכף אויסליידיגן) און ווען עס איז פול מוז עס זיין צוגעדעקט (למשל מיט א טיר)



(די פרייז פאר ארבעים סאה (80 גאלען) וואסער, איז איין און א האלב דאלער).

און ווען א טענענט מופט ארויס קען ער דאס צוריק מאכן אזוי ווי פארדעם



והבא לטהר מסעיין אותו.

בעזרת השם יתברך

ימי אלול תשפ״ה לפ״ק

# <u>הבא לטהר מסייעין אותו</u>

הן מודעת זאת ליראי ה׳ ולחושבי שמו, שגב גודל ענין טבילה במקוה לפני התפילה ובפרט בערבי שבתות וימים טובים, אשר מעלתה גדולה מאוד כידוע מפי ספרים וסופרים.

אמנם דא עקא, אשר הרבה אנשים אין ביכולתם לטבול במקוואות מסיבות רפואיות שונות, כדוגמת אלו שמקבלים ״קימא טעראפי״ אשר מערכת החיסון (״אימיון סיסטעם״) שלהם חלש, וכן אנשים זקנים וחלשים, או אלו שסובלים ממחלות עור וכדו׳, ורצונם עז לזכות בטבילה כדי להיטהר ולהתקדש.

והנה מקדמת דנא נהגו בכל תפוצות ישראל – במקום שלא היו מי גשמים (כגון במקוה חדשה שמחכים על גשמים) – לטבול לכה״פ במקוה שהוכשר ״כולו בהמשכה״, לטבילות דרבנן כנ״ל.

אשר על כן דבר טוב ומועיל הוא, להדפיס קונטרס עם ״פאטענט״ אשר דרכו יוכל כאו״א הזקוק לזה, לעשות מקוה ע״י המשכה בביתו הפרטי, ואפילו מי ששוכר דירה שלא בקומת הקרקע וכן מי שאין ביכולתו לייחד חדר מיוחד בשביל זה (כפי שהרבה עשו בתקופת ה״קראנע״) יתאפשר לו ע״י פאטענט זה לעשות מקוה ״כולו בהמשכה״.

וזאת למודעי! אשר כמובן, אין הנידון כאן למי נכון לטבול במקוה כזה, רק כל אחד יברר אצל הרב והמורה הוראה שלו את פרטי מצבו, לדעת את הדרך ילך בה ואת המעשה אשר יעשה.

ובזכות טהרתן של ישראל נזכה לראות בקיום הכתוב ״ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״ בביאת משיח צדקינו, ונעלה ברנה לציון הר קדשינו, במהרה בימינו, אכיה״ר

יצחק הערשקאוויטש, דומ״ץ צאנז קלויזענבורג | ישראל דוד הארפענעס, אב״ד ישראל והזמנים

גבריאל צינער, אב״ד נטעי גבריאל | יוסף מנחם דייטש, אב״ד קליינווארדיין